**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס 2023 פילם אין אנדענק פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר צו אויפגעשפילט ווערן אויף ניו יארק PBS סטאנציעס**

***פובליק איינגעלאדנט זיך צו באטייליגן ביי אומזיסטע ספעציעלע אויפשפילונג פון דעם פראגראם פרייטאג, יאנואר 13, ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער***

***טשעירפרוי פונעם פראגראם וועט זיין די געעהרטע דר. מאשאָנע וואלסטאן, סיניאר מיניסטארשע פון די First Church קירכע אין אלבאני***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס יערליכע אנדענק פון די לעבן און שאפן פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר וועט פרעזענטירט ווערן אלץ א פילם וואס וועט אויפגעשפילט ווערן איבערן סטעיט מיט די קעפל "New York State Celebrates Dr. Martin Luther King Jr.: Paths to Change" (ניו יארק סטעיט פייערט דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר: וועגן צו א טויש) וואס וועט [אויפגעשפילט ווערן אויף PBS סטאנציעס](#) אריבער ניו יארק אנגעהויבן פון זונטאג, יאנואר 15. די פובליק קען זיך אויך באטייליגן ביי אן אומזיסטע אויפשפילונג פון דעם פילם פרייטאג, יאנואר 13, ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער אין אלבאני אדער [זעהן דעם פראגראם](#) פון 10 אינדערפרי מאנטאג, יאנואר 16.

"ווייניג מענטשן האבן געהעכערט די געמיינזאמע געוויסן פון אונזער לאנד און די וועלט ווי דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר האט געטוהן, דורך זיינע ווערטער און דורך זיינע מעשים", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היי יאר פרעזענטירט ניו יארק א פילם וואס וועט אויפגעשפילט ווערן איבערן סטעיט ארויסווייזנדיג די אנגייענדע ירושה פון דר. קינג'ס חזון און הבטחה וואס ער האט איינגעפלאנצט אין אונז אלע. איך לאזן איין אלע ניו יארקער צו קוקן די רירנדע פילם אין אנדענק פון דעם אויסערגעווענטליכן מאן."

"דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר האט געדינט אלץ אן אונטערהאלטנדע זייל פון אונזער געזעלשאפט, און זיין ירושה איז איינגעקריצט אין אונזער לאנד'ס היסטאריע. זיינע העלדישע שריט און זיין מאכטפולע מעסעדזש האבן אינספירירט אזוי פיל און זיי וועלן פארזעצן צו דינען אלץ אינספיראציע פאר פילע צוקונפטיגע דורות", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "איך בין שטאלץ זיך אנצושליסן מיט גאווערנער האקול ביים אנאנסירן ניו יארק'ס פילם וואס וועט אויפגעשפילט ווערן איבערן סטעיט אנדענקנדיג דעם לעגענדארן מאן וואס דר. קינג איז געווען."

די פילם, וואס קומט ארויס יערליך דורך די סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) און דורך פארטרעטער פון אנדערע ניו יארק סטעיט אגענטורן אין עהרע פון דר. קינג, שטעלט פאר מענטשן און ארגאניזאציעס פון ארום ניו יארק סטעיט וועלכע פארקערפערן די פרינציפן פון איינס פון אמעריקע'ס מערסט מערקווירדיגע פירער פאר געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט, פרייהייט און

גלייכקייט. די צייט ווען די שעה-לאנגע פילם וועט אויפגעשפילט ווערן וועט זיך טוישן לויט די ראיאן; מענטשן וואס ווילן עס זעהן ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן זייער TV ליסטעס אדער לאקאלע PBS סטאנציע פאר מער איינצלהייטן.

**אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאַי, האט געזאגט,** "אזוי ווי פילע ניו יארקער קומען זיך צוזאם צו געדענקען די לעבן און שאפן פון דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר, מוזן אונז אלע זיך נאכאמאל איבערגעבן צו זיין חזון פון א מער פאראייניגטע געזעלשאפט. מיר מוזן קוקן אויף זיין ירושה אין די צייט ווען ניו יארק און די גאנצע לאנד זעצן פאר מיט אונזער וועג צו גלייכקייט און יושר. איך שלוס זיך אן מיט גאווערנער האקול מוטיגנדיג ניו יארקער צו זעהן דעם פראגראם און זיך פונדאסניי איבערגעבן צו האלטן דר. קינג'ס טרוים ביים לעבן."

**WMHT'ס CEO, ראבערט אלטמאן, האט געזאגט,** "עס איז אונז א כבוד נאכאמאל זיך אנצושליסן מיט קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט אזוי ווי מיר פייערן דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר'ס איבערגעגעבנקייט צו גערעכטיגקייט, רעכטן און פרייהייטן פאר יעדן. די געשיכטעס און שטימעס וויזן אז דר. קינג'ס חזון פאר אמעריקע בלייבט קריטיש היינט, און מיר זענען שטאלץ צו מיטטיילן די מעסעדזש דורך פובליק טעלעוויזיע."

די טשעירפרוי פון די היי יאריגע פראגראם וועט זיין די געעהרטע דר. מאשאָנע וואלסטאן, א גייסטליכע, טשעפלעין, רעדנערין, וועטעראנען שתדלנ'טע און ניורא-טעאלאגין וואס האט געדינט אלץ סיניאר מיניסטארשע ביי די First Church קירכע אין אלבאני, און דער פראגראם וועט נעמען די צושויער אויף א ווירטואלע טור ארום ניו יארק סטעיט.

דורך די אויגן פון ניו יארקער פון באפעלאו ביז ברוקלין, ראטשעסטער ביז ניו פאלץ — קאנצעטרירט זיך דער פראגראם אויף דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר'ס לעבן און טרוימען מיט מוזיק, קונסטווערק און אינספירירנדע געשיכטעס וועלכע שפיגלען אפ די וועגן וואס פירן צו טויש אין ניו יארק סטעיט. טייל פון די פילם'ס הויכפונקטן רעכענען אריין:

- א ספעציעלע מארטין לוטער קינג דזשוניאר דעי מעסעדזש פון גאווערנער האקול
- א שטיקל איבער די "וועג צו פרידן", רעדנדיג איבער די גייסטליכע פירער מאהאטמא גאנדי און מאלקאלם עקס און איבער זייער איינפלוס אויף דר. קינג
- אינספירירנדע ערשיינונגען און פארשטעלונגען, אריינרעכענענדיג אן אריגינעלע שפיל דורך סטודענטן פון די SUNY ניו פאלץ קונסטווערק פראגראם און געשריבן דורך לעסטער מאַיערס, א גראדואירטער סטודענט פון ניו פאלץ; לידער דורך די 2023 דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר ארקעסטרא; און א מאכטפולע פרעזענטאציע דורך אלאַנזאָו ווערבאל, א 'ספאָוקען וואָרד' דיכטער
- א שילדערונג פון די Apollo טעאטער, אויך באקאנט אלץ די "זעלע פון אמעריקאנע קולטור".
- א בליק אויף SHRED, א סנאָובאָורדינג פאַונדעישען וואס גיבט א חיות פאר יונגע מענטשן אין די קאמיוניטי, סיי אויפן בארג און אראפ פונעם בארג

יעדער איז געלאדנט צו זעהן דעם פראגראם צו לערנען מער איבער ניו יארקער וועלכע לעבן זייערע לעבנס אפשפיגלנדיג דר. קינג. די פובליק איז אויך געלאדנט זיך צו באטייליגן ביי א ספעציעלע אויפשפילונג פון די פילם פרייטאג, יאנואר 13 ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער. די געשעעניש איז פריי פון אפצאל, און די טירן וועלן זיך עפענען 6 אזייגער פאר לייכטע צובייס און דער פראגראם וועט זיך אנהויבן 7 אזייגער פונקטליך.

אין צוגאב צום זיך באטייליגן ביי די אויפשפילונג אדער זעהן אליין די פילם, זענען ניו יארקער געלאדנט צו זעהן די ניו יארק סטעיט דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר סטודענט ווירטואלע גאלעריע פון קונסטווערק און געשריבענע ארטיקלען וואס וועט זיין פארעפנטליכט צו זעהן אויף empirestateplaza.ny.gov/nyking פון מיטוואך, יאנואר 11 ביז דינסטאג, פעברואר 28. די אויסשטעלונג ווייזט ווערק וואס זענען אריינגעגעבן געווארן דורך סטודענטן פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס וועלכע זענען אינספירירט געווארן דורך דר. קינג'ס זעקס פרינציפן פון פרידליכקייט.

פונקט ווי אין פארגאנגענע יארן האלט ניו יארק סטעיט אפ עטליכע סערוויס-פארבינדענע פראגראמען צו ערפילן דר. קינג'ס חזון פון קאמיוניטי, אריינרעכענענדיג די דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר עסן דרייוו איבערן סטעיט וואס ענדיגט זיך פרייטאג, פעברואר 10 און די דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר ביכער דרייוו איבערן סטעיט וואס הויבט זיך אן מאנטאג, פעברואר 20 ביז פרייטאג, אפריל 21. ביטע באזוכט empirestateplaza.ny.gov/nyking און פאַלאָוט @NYSMLK אויף Facebook און Twitter פאר PBS מיטגלידער סטאנציע פראגראם נייעס און נאך אינפארמאציע איבער ניו יארק'ס פייערונג פון די לעבן און שאפן פון דר. קינג.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן